# ייִדישע שפּראַך

## זשורנאַל פֿאַר די פּראָבלעמען
## פֿון דער ייִדישער כּלל־שפּראַך

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער
אינסטיטוט — ייִוואָ
1048 פֿינפֿטע עוועניו
ניו־יאָרק, נ״י 10028

באַנד XXXV
נומ׳ 1–3
1976

## אינהאַלט

מרדכי שעכטער
מכּוח פֿירהאַלטן, פֿירהויז, פֿירנעמען זיך
א״אַ פֿיר־דעריוואַטן ........................ 1

שיקל פֿישמאַן
די ירושלימער „וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש
און ייִדישער קולטור״ פֿון אַ סאָציאָלינגוויסטישן
קוקווינקל ........................ 16

מאיר־לייב וואָלף
די שפּראַך פֿון דעם ספֿר שבֿחי בעל־שם־טובֿ ........ 32

יוסף אָקרוטני
וועגן „טראַץ״, שטאַמס און אַנדערע שפּראַך־ענינים... 49

מ. ש.
אָבסערוואַציעס צו י. אָקרוטניס אָבסערוואַציעס...... 50

### פֿונעם ליטווישן ייִדיש

מעינקע קאַץ
אַ ביסל מיכאַלישקער לשון און פֿאָלקלאָר ........ 54

מאיר הורוויץ
ייִדיש לשון אין ווײַסרוסלאַנד ........................ 60

יצחק גאַנוזאָוויטש (גנוז)
ווערטער פֿון לידע און סבֿיבֿה ........................ 65

### פֿון דרום־ייִדיש

עזריאל כּץ
הערות און הוספֿות פֿון אַ מאַרמעראָשער
קוקווינקל ........................ 71

שלום וואַסילעווסקי
מײַן מאַמעס מאכלים ........................ 76

חנה־פֿייגל ערליך־אייברעהעם
פֿונעם תּלמידס וועגן ........................ 80

י. קאַראַ
מכּוח דעם פֿאַרשפּרייט פֿון וועלטסווערטלעך
און אידיאָמען ........................ 81

ה. שעסקין
טערמינאָלאָגישע קשיות ........................ 82

אויפֿן פֿעלד פֿון ייִדיש־לימוד און ־נאָרמירונג ........ 83

ב. מ. לייקין
קשיות פֿון אַ לאַנגיאָריקן לייענער ........................ 86

ענטפֿער פֿון מ. שעכטער ........................ 87

געלייענט, געהערט און פֿאַרצייכנט ........................ 88

לייענערס האָבן דאָס וואָרט ........................ 92

שאלות און תּשובֿות ........................ 95



341

# YIDISHE SHPRAKH

## (THE YIDDISH LANGUAGE)

**A JOURNAL DEVOTED TO THE PROBLEMS OF STANDARD YIDDISH**

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH
1048 Fifth Avenue
New York, N. Y. 10028

TABLE OF CONTENTS

MORDKHE SCHAECHTER
The Adverbial Complement *fir* .......... 1
JOSHUA A. FISHMAN
Sociolinguistic Perspective on the Jerusalem Conference on Yiddish Language and Culture .......... 16
MEYER WOLF
The Language of *Shivkhey-Habesht* ...... 32
J. OKRUTNY
A Writer's Observations on "trots," *shtots*, etc. .......... 49
M. S.
Remarks on J. Okrutny's Observations ... 50
**From Northeastern Yiddish**
MEYNKE KATZ
Some Material on Language and Folklore in Michaliszki .......... 54
MAYER HOROWITZ
On the Yiddish of a Minsk Revolutionary 60
YITSKHOK GANUZOVITSH
Yiddish Localisms from Lida and Vicinity (Addenda) .......... 65
**From Southern Yiddish**
IRVING KATZ
Comments of a Yiddish Speaker from Maramures .......... 71
SHOLEM WASILEVSKY
Culinary Terms from Bershad .......... 76
ANITA EHRLICH-ABRAHAMS
For the Student .......... 80
ITSIK KARA
On the Distribution of Proverbs and Idioms in Moldavia .......... 81
KH. SHESKIN
Lacunae in the Yiddish Terminology of Housepainting .......... 82
Yiddish Language Study and Standardization: A Selected Bibliography (1968-1977) ...... 83
B. M. LAIKIN
Questions from a Long-time Reader .... 86
Reply from M. Schaechter .......... 87
From the Editor's Notebook .......... 88
Correspondence .......... 92
Responsa .......... 95

Vol. XXXV
No. 1–3
1976

Annual Subscription—$5.00

[3] למשל אין זײַן ייִדיש־רוסישן ווערטערביכל פֿון 1876.

[4] ליפֿשיץ ניצט נישט קיין קמץ.

[5] פֿ״גל שיקל פֿישמאַן, „אַ וואָרט פֿריִער״, אין מרדכי שעכטערס קורס פֿון ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע: אַ קאָנספּעקט, דריטער אַרויסקום, ניו־יאָרק, 1973, ז׳ 3/2.

[6] פֿ״גל ייִוואָ־בלעטער, V (1933), 386.

7 spelling pronunciation.

8 Give me the fork instead of the spoon.

[9] ייִוואָ־בלעטער, XXIX (1947), 292.

[10] „ייִדיש״, אין אַלגעמײַנע ענציקלאָפּעדיע, ייִדן ב, 1940, שפּ׳ 80/79.

11 Mordkhe Schaechter, "The 'Hidden Standard': A Study of Competing Influences in Standardization," in: *The Field of Yiddish,* Third Collection, 1969, 284-304.

[12] די שײנע נײַטעריג, ווילנע, תּרנ״ה, ד׳ 9.

13 instead of.

# אַ ביסל מיכאַלישקער לשון און פֿאָלקלאָר

## פֿון מײַנקע קאַץ

### אַ פּיצל הקדמה

מײַן משפּחה פֿון מײַן מאַמעס צד האָט הונדערטער יאָר געוווינט אינעם שטעטל מיכאַלישעק, ווילנער גובערניע; פֿון מײַן טאַטנס צד האָט מײַן משפּחה געוווינט הונדערטער יאָר אינעם שטעטל סוויר. מע פֿלעגט זאָגן, אַז מיכאַלישעק און סוויר זײַנען ווי אַ שטוב מיט אַ קאַמער, ס׳הייסט נאָענטע שכנים.

מ כאַלישעק איז אַרומגענומען פֿון דעם טײַך ווילִיע. כּדי אַרויסצוגיין פֿון מיכאַלישעק האָבן מיר געמוזט אָנקומען צו יורקען, דעם באָרוועסן קאַפּיטאַן וועלכער פֿלעגט אונדז איבערפֿירן מיט דעם פּאָראָם אויף יענער זײַט טײַך, וווּ ס׳האָט זיך געצויגן דער ווילדער זאַבאָרטשער וואַלד. מע פֿלעגט זאָגן, אַז רויבער, וועלף און אַלערלייקע ווילדע ברואים לויפֿן אַרום איבערן וואַלד, ספּעציעל דורך די נעכט, גרייט צו פֿאַרצוקן מאַן, פֿרוי און קינד.

### נעמען און צונעמענישן

אַווּרעמקע בוך. איך ווייס ניט פֿון וואַנען דאָס וואָרט שטאַמט, אפֿשר, ווײַל דער ייִנגל איז געווען אַ פֿאַרקלערטער, אַ ביסל אומגעלומפּערט. ווען די מאַמע פֿלעגט אים שיקן עפּעס קויפֿן, פֿלעגט ער אַרײַן אין קראָם, זיך ניט אויפֿהערן דרייען נאָך אַנאַנד: „די מאַמע האָט געבעטן״ און פֿלעגט קומען צוריק מיט דער קאָפּעקע אין האַנט. ער פֿלעגט נוצן ליטוויציזמען, למשל: ער האָט ניט ליב געהאַט צו לערנען גמרא, פֿלעגט ער זאָגן „גמרא ניע געריי״ (איך וויל ניט קיין גמרא).

כּמעט יעדער ייִנגל און מיידל האָט געהאַט אַ צונעמעניש. לאָמיר דערמאָנען נאָך עטלעכע: יודקע באָק, אַדער, ווי אַנדערע פֿלעגן אים רופֿן, די ציג, אַ קליינ־טשינקער ייִד מיט אַ ציגן־בערדל, וואָס פֿלעגט קלאַפּן פֿאַר טאָג אין די לאָדנס מיט אַ שטעקן, מע זאָל אויפֿשטיין דאַווענען שחרית און פֿלעגט בשעת־מעשה אונטערזינגען: „ייִדן שטייט אויף דינען דעם בורא,/ תּורה איז די בעסטע סחורה״.

אויב עמעצער האָט כלומרשט ניט דערהערט זײַן שטעקן אין די לאָדנס, פֿלעגט ער קומען צוריק, קלאַפּן מיט צוויי שטעקנס, מאַכן פֿון דעם ייִדן, הינטער די לאָדנס, כּפּרה דאַרעאַ, סטראַשען מיט גיהנום, מיט כּף־הקלע.

ברײַנקע די מופּטע, אַ פֿרוי וואָס פֿלעגט באַהאַלטן די הענט פֿון פֿראָסט אין איר פֿוטערנער מופּטע. מע האָט זי קיין מאָל ניט געזען ווינטער אין גאַס אָן דער מופּטע. ברײַנקע די מופּטע איז געווען פֿאַררעכנט ווי אַ נגידיתטע. איר שטוב האָט געהאַט אַן אמתע פּאָדלאָגע, ניט ווי בײַ דער מומע ביילקע, וואָס איר שטוב האָט געהאַט אַן ערדענע פּאָדלאָגע. ברײַנקע די מופּטעס סטאַלעווײַנע (׳סטעליע׳) איז געמאַכט געוואָרן פֿון געשניצטן האָלץ. די דובל (׳טאָפּל־פֿענצטער׳) זײַנען געווען אַרומגענומען מיט אַזוי פֿיל פֿוטער, אַז דער פֿראָסט האָט כּמעט קיין שליטה ניט געהאַט.

די מערסטע נעמען אין מיכאַלישעק (מיט זעלטענע אויסנעמען) ענדיקן זיך מיטן סופֿיקס ־קע. מײַנע פֿינף ברידער און מײַן איינציקע שוועסטער: מעישקע (פֿון משה), יעיסקע (פֿון יוסף), מעינקע, בערקע, בלומקע. נאָר מײַן עלטסטער ברודער עלציק „פֿאַרמאָגט ניט" קיין ־קע צום סוף פֿון זײַן נאָמען. מײַן טאַטע האָט געהייסן הירשע־דוד, מײַן מאַמע — באַדאַנע. עטלעכע פֿון מײַנע פֿעטערס: הירשקע, בענטקע, שליימקע, אַורעמקע, ליאָלקע, חיימקע דער שמיד, שײַלקע (=שואל), לייבקע, גערשקע (פֿון גרשון), וועלפּקע, פּײַוקע, ישׂראלקע. די נעמען פֿון מײַנע מומעס: ביילקע, כאָסקע, רבֿקה, פֿרומקע, כאַנקע, שיינקע, ראַשקע, איטקע, לייקע (פֿון לאה), דישקע, צירקע.

## פּרנסות

באַשקע די שרײַבערקע איז געווען אַן אַלמנה, וואָס פֿלעגט זיך מפֿרנס זײַן פֿון שרײַבן בריוו (מיט אַ געגנדזענער פּענע) פֿאַר ייִדענעס, וואָס האָבן געהאַט קרובֿים אין אַמעריקע, פֿאַר אַ גראָשן אָדער אַ קאָפּעקע. זי האָט געהאַט אַ שיינעם פּאַטשעריק (׳כּתבֿ׳). זי פֿלעגט שטענדיק פֿרעגן: „ווי ווילט איר, זאָל איך שרײַבן, מיט אָדער אָן פֿייגעלעך"? מערסטע ייִדענעס פֿלעגן זאָגן: „שרײַבט מיט פֿייגעלעך, וועט קאָסטן נאָך אַ גראָשן". דאָס מיינט, אַז ווען זי האָט געשריבן דעם בריוו, איז זי געוואָרן אַ שטיקל פּאָעטעסע, זי פֿלעגט צווישן אַלע שווערע פּראָבלעמען, וואָס זי האָט וועגן זיי געשריבן אין בריוו, ערגעץ אַרײַנפֿלעכטן עטלעכע גראַמען. למשל, „די פֿייגעלעך זינגען, / די גלעקעלעך קלינגען, / די טײַכעלעך אײַלן, / פֿאַר מײַלן און מײַלן".

ס'איז געווען אַ ייִדענע אין מיכאַלישעק וואָס פֿלעגט אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע: רחל מבֿכּה־על־בניה, ווײַל זי פֿלעגט וויינען אויף יעדנס צרות. זי פֿלעגט אויך פֿאַרדינען עטלעכע קאָפּעקעס ווי אַ קלאָג־ייִדענע בײַ אַלע לוויות. ווען זי פֿלעגט אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, פֿלעגט זי צומאַכן די אויגן, אויסשפּײַען זיבן מאָל און זאָגן: „דער וועלכער האָט אויף דיר געגעבן אַ בייזן קוק / זאָל זײַן אויג געבֿיסן ווערן פֿון אַ זשוק! / אויף אַלע אונדזערע שׂונאים קללות, / אויף אַלע פֿינצטערע רוחות חרמות. / זאָלסט מער פֿון קיין שלעכטס ניט וויסן, / נאָר נחת און אַל דאָס גוטס געניסן".

װעגן דעם פֿעלדשער, דעם בעדער און די בעטלערס דערצייל איך דאָ װײַטער אינעם קאַפּיטל „טיפֿן אין שטעטל״.

## מאכלים און קיך־כּלים־מכשירים

דער װאָקאַבולאַר װעגן מאכלים איז געװען רײַך. למשל: בראָטן, באַקן, אײַנ־ברוינען, אויסזאַלצן, שטעלן אַ טשאָלנט, פֿאַררוקן דעם טשאָלנט.

מכשירים: די דײַזשע, װוּ מע האָט געקנאָטן דעם טייג פֿאַר ברויט; דער מולטער, װוּ מע פֿלעגט װאַלגערן דעם טייג, נאָך דעם װי ס׳איז אַדורך די קלעפּ פֿון דעם װאַלגערהאָלץ. די לאָפּעטע, װאָס מע פֿלעגט מיט דעם אַרײַנלייגן די רויע לאַבנס ברויט אין אויװן. דער דרײַפֿוס, אויף װאָס דער טאָפּ איז געשטאַנען אויפֿן פֿײַער. אַ סקאָװאָראָדע צו מאַכן אַ פֿײַנקאָכן. פֿליישיקע, מילכיקע, פּאַרעװע כּלים; זאַלץ־בריטעלעך, חמצדיקע, פּסחדיקע כּלים, הילצערנע לעפֿל, בלעכענע לעפֿל. אַ טײ־לעפֿעלע איז אַפֿילו אַ מאָל געװען פֿון עכטן זילבער. דאָס קענדל איז געשטאַנען לעבן דעם עמער װאַסער, געבראַכט פֿון ברונעם אָדער פֿון פּלומפּ.

פֿון אַמאָליקע יאָרן זײַנען נאָך אָפֿט געװען קאָלירטע װײַנגלעזער, אַ זילבערנער בעכער צו מאַכן קידוש, אַ ספּעציעלער כּוס פֿאַר אליהו־הנבֿיא װאָס האָט געפֿינקלט מיט ניט־באַרירטן װײַן יעדן פּסח.

דער אַלטער סאַמאָװאַר האָט געדענקט גוטע צײַטן, װען מע האָט געטרונקען טיי מיט אַ ביס צוקער בײַ יעדן זופּ און צײַטן װען ער, דער סאַמאָװאַר, האָט געזשאַװערט און מע האָט געגעסן קדחת אין אַ קליין טעפּעלע און מע האָט איבערגעכאַפּט דאָס האַרץ מיט אַ ביסן ברויט, געמישט מיט פּאַלעװינעס (זעגעכץ).

אַפֿילו אין די גוטע צײַטן פֿלעגן ייִדישע מאַמעס אין ליטװישע שטעטלעך מאַכן די מערסטע מאכלים פֿון בולבעס. יע, די אַלע מאכלים האָבן געהאַט אַלערלייקע נעמען, נאָר יעדער מאכל איז געװען געטרײַ צום באַרימטן בולבע־לידל װאָס ענדיקט זיך מיט „שבת אין אַ נאָװענע, אַ בולבע־קוגעלע, זונטיק װײַטער בולבע״.

איך געדענק אַז לכּבֿוד שבת איז שוין געװען ניט נאָר בולבעס, נאָר אויך לינדזן. װײַל כ׳האָב געזען מײַן מאַמען מאַכן אָט דעם װוּנדער־מאכל יעדן פֿרײַטיק, אויך אין אַמעריקע, רעכן איך, אַז איך װאָלט נאָך איצט אַליין געקענט צוגרייטן אַזאַ װעטשערע. לאָמיר אײַך דערציילן װי אַזוי ס׳װערט געמאַכט אָט די געשמאַקע פּאַטראַװע: ערשטנס, נעמט מען אַרויס די הינעראויגן פֿון יעדער בולבע. מע רײַבט יעדע בולבע אויס אויף אַ ריבאײַזן, ביז דעם סאַמע לעצטן שטיקל. דערנאָך קװעטשט מען אויס גאַר דאָס װאַסער פֿון די אָנגעריבענע בולבעס אין אַ ריינעם האַנטעך. מע לייגט אַרײַן אַ שטיקעלע פּוטער און מע קײַקלט אויס בולבענע קנײדעלעך װאָס דאַרפֿן אויסזען װי קײַלעכדיקע רעסעלעך (׳קײַקעלעך מיט װעלכע קינדער פֿלעגן זיך שפּילן׳). דערנאָך קלײַבט מען אויס די לינדזן, ס׳הייסט מע נעמט אַרויס די װערעמדיקע און מע לאָזט די לינדזן שטיין אין אַ טאָפּ װאַסער איבער נאַכט. מע דאַרף צונויפֿמישן די קנײדעלעך מיט די לינדזן און מע שטעלט זיי אַװעק אויפֿן דרײַפֿוס קאָכן. איך האָב קיין מאָל ניט געזען די מאַמע זאָל אַרײַנגיסן אַ קאָפּ מילך, אַזוי אַז דאָס מאכל פֿון לינדזן און בולבענע קנײדעלעך

זעט אויס שוואַרץ ווי חושך־מצרים, נאָר ס׳האָט דעם טעם פֿון גן־עדן. געווען צײַטן, ווען ס׳זײַנען ניט געווען קיין בולבענע קנײדעלעך מיט לינדזן, פֿלעגט די מאַמע פֿאַרווײַסן די וואַסערדיקע שטשאַוויע (׳שטשאַוו׳) מיט פלעווקע (׳דאָס איבערשטע הײַטל פֿון געקאָכטן מילך׳).

## קללות

די שרעקלעכסטע קללות האָב איך געהערט צווישן די קצבֿים אין סווענציאַן בײַ די יאַטקעס, ווו ס׳פֿלעגן אָפֿט פֿאָרקומען דראַקעס (׳געשלעגן׳). אָט זײַנען עטלעכע פּערל: זאָלסט געשוואָלן ווערן ווי סווירער באַרג. (לעבן שטעטל סוויר האָט זיך געפֿונען אַ גרויסער באַרג.) אַ בראַנד דיר אין די יאַסלעס. זאָלסט עסן מכּות מיט ברכות און פֿאַרבײַסן מיט קדחת. זאָלסט עסן מאַרצעפּאַנעס, כּיד המלך, דורך אַ געפּלאַצטער קישקע. דער שור־הבור זאָל דיר אײַנשלינגען. אַ הונט זאָל בילן נאָך דיר קדיש. די מײַז זאָלן זײַן בײַ דיר זאַט און דײַן מויל ביטער. זאָלסט גיין איבער די הײַזער און פֿון יעדן הויז זאָל מען דיר אַרויסטרײַבן מיט אַ בײזן זאָג: „ביסט דאָך שוין געווען בײַ מיר". פֿאַראַן אויך אַ פֿאָלקליד אַזאַ, אָט איז אַ סטראָפֿע דערפֿון: „ער האָט מיר געשאָנקען אַ זייגערל, / אײַ, מיט אַ גילדענעם ווײַזער, / און ווער ס׳האָט אַ שולד אין אונדזער ליבע, / דער זאָל גיין איבער די הײַזער, / און קלאַפּן טיר צו טיר, / אָרום און אָרום, / און זאָגן זאָל מען אומעטום, / ביסט שוין געווען בײַ מיר".

## טיפּן אין שטעטל

מער ווי אַלע סעזאָנען פֿון יאָר איז כאָנקע דער פֿעלדשער געווען פֿאַרנומען ווינטער. די אויוונס זײַנען מערסטנס געווען קאַליע, די קוימענס שטענדיק פֿאַר־שוואַרצט, ווי שווער דער קוימען־קערער זאָל זיי ניט האָבן געקערט מיט זײַן בעזעם. דער רויך האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין ברעקל פֿרײַהייט אַרויסצורײַסן זיך פֿון די שטיבער; פֿלעגט ער פֿאַרטשאַדען מערסטנס די קינדער, די זיידעס און די באָבעס, און ס׳פֿלעגט ווערן אַ בהלה. אַלע האָבן געשלעפּט דעם פֿעלדשער און ער פֿלעגט טענהן „איך קען זיך ניט צערײַסן אויף טויזנט שטיקער".

דער פֿעלדשער פֿלעגט געבן גוטע עצות: „האַקט אָן די שײַטלעך האָלץ אויף יענער זײַט ווילי׳ע־טײַך, אין מיטן זומער, וועט איר האָבן טרוקן האָלץ, ניט אין אָסיען, ווען ס׳גייען שוין נאָך אַנאַנד די רעגנס, וועט איר ניט דאַרפֿן לייגן קיין נאַסע האָלץ אין אויוון און די האַלעוועשקעס וועלן ניט טשאַדען טעג און נעכט אין שטוב".

די מאַמע פֿלעגט אַרויפֿגיסן וואַסער אויף די האַלעוועשקעס, מע פֿלעגט גיכער פּטור ווערן פֿון דעם רויך, נאָר דער טשאַד פֿלעגט ווערן דווקא גרעסער. צו קריגן פֿרישע לופֿט איז געווען אַ שווערער ענין. די צווײַגן האָבן געקנאַקט אין פֿראָסט און די וואַליקעס (אַזוינע וואַלענע שטיוול) האָבן קנאַפּ וואָס פֿאַרהיט די פֿיס פֿון ברענענדיקן פֿראָסט. זומער פֿלעגן כּמעט אַלע קינדער גיין באָרוועס, אַ סך גויים פֿלעגן טראָגן לאַפּטיעס [אַזאַ פּויעריש שוכוואַרג, געמאַכט פֿון לוב].

דורך מיכאַלישעק זײַנען דורכגעגאַנגען אַזוי פֿיל וואַנדערנדיקע בעטלערס,

אַז מע האָט זיי אָפּט באַטראַכט ווי אַן אַנשיקעניש: מע האָט ניט פֿאַרמאָגט גענוג סקאָרינקעס פֿאַר די בעטלערישע טאָרבעס. הײמישע בעטלערס פֿלעגן נאָך אַ מאָל פֿאַרמאָגן אין זייערע טאָרבעס אַ מאכל וואָס האָט געהאַט אַ הײמישן טעם. די טאָרבעס פֿון די וואַנדערנדיקע בעטלערס זײַנען מערסטנס געווען פֿול מיט האַרטן ברויט, צוגעפֿוילטע עפּל, סקעלעטן פֿון הערינג.

אַ וואַנדערנדיקער בעטלער איז אַ מאָל געווען אַ ברכה אין שטעטל: ער פֿלעגט ברענגען נײַעס פֿון דער וועלט, אַ מאָל גרוסן פֿון קרובֿים אין ווײַטע מקומות.

ויזתא דער בעטלער איז געווען אַזוי פֿאַרהאַסט אין שטעטל, אַז ער האָט פֿאַרמאָגט נאָך דרײַ צונעמענישן: נגע־צרעת, סרחה און יאָסקע־פּאַנדרע. ער איז געווען אַ צעדרייטער ייִד, וואָס מע האָט אים ניט אַרויפֿגעלאָזט אויף דער שוועל פֿון בית־מדרש, ווײַל ער פֿלעגט פּלאַפּלען וועגן יעזוסן. מע פֿלעגט אים אויך אַרויסטרײַבן פֿון קלויסטער. מע האָט געשמועסט, אַז אַפֿילו אין גיהנום וועט מען אים ניט אַרײַנלאָזן, ער וועט אייביק שוועבן צווישן הימל און ערד. קיינער פֿלעגט אים קיין נדבֿות ניט געבן. ער פֿלעגט קלײַבן די צעוואָרפֿענע ביינער, אַרום די יאַטקעס, צוזאַמען מיט די הינט.

חיים־מאירקע דער סווירער איז געווען איינער פֿון די וואַנדערנדיקע בעטלערס, נאָר ער האָט סוף־כּל־סוף אויפֿגעהערט וואַנדערן און איז געוואָרן אַ תּושבֿ אין מיכאַלישעק. זײַן צונאָמען איז געווען כּל־הון־דעלמא, ווײַל ער איז געווען אַ שׂמח־בחלקו. ער פֿלעגט שטענדיק זאָגן, אַז קיינער אויף דער וועלט איז ניט אַזוי רײַך ווי ער אין מזל. ער פֿלעגט בענטשן יעדן נדבֿה־געבער מיט די ווערטער: „זאָלט איר אַזוי האָבן חן אויף יענער וועלט, ווי איך האָב חן אויף דער וועלט‟. קיינער האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿון וואַנען עס נעמט זיך צו אָט דעם אומגליקלעכן ייִדן אַזוי פֿיל פֿרייד. חיים־מאירקע דער סווירער איז געווען איינער פֿון די באַקעטסטע בעטלערס; זײַן היטערחלק האָט שטענדיק אַרויסגעשטאַרצט פֿון זײַנע צעפֿליקטע פּלודערן. מע האָט אים קיין מאָל ניט געזען זיצן, ער פֿלעגט שטענדיק אַרומשמײַען, בעטן נדבֿות. די נדבֿות זײַנען ניט געווען קיין געלט, נאָר טרוקענע סקאָרינקעס, פּענעצלעך פֿאַרדאַרט ברויט. ער פֿלעגט טראָגן אַ ווײַבערישן שוך אויפֿן לינקן פֿוס און אַ מאַנצבילשן שוך אויפֿן רעכטן פֿוס.

יעדער וואַנדערנדיקער בעטלער האָט געהאַט אַ צונאָמען נאָך דעם שטעטל פֿון וואַנען ער קומט: דהײַנו — מעיצקע דער וואָרניאַנער, יאָסקע דער שמאַרגאָנער [פֿונעם שטעטל סמאַרגאָן], יודקע דער סווענציאַנקער (סווענציאַנקע = קליין־סווענציאַן, עטלעכע וויאָרסט פֿון גרויס־סווענציאַן). יודקע דער סווענציאַנקער איז געווען אַ בעטלער מיט אַ בײַסיק לשון. ער פֿלעגט זינגען שטעכווערטלעך בײַם בעטלען, למשל „שענקט אַ נדבֿה / שענקט אַ נדבֿה / וועט גאָט אײַך העלפֿן / ווי ער האָט געהאָלפֿן מיר‟. ווען עמעצער פֿלעגט אים דערצאָרענען, פֿלעגט ער ווײַזן זײַן היטערחלק און זאָגן: „ישקני‟.

צווישן די בעטלערס פֿון מיכאַלישעק קען מען אויך אַרײַנרעכענען דעם ייִדן, וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן געאַרבעט אין באָד און האָט אויך געמוזט אונטער־

בעטלען כּדי צו קענען לעבן. קיינער, דאַכט זיך, האָט ניט געוווּסט זײַן אמתן נאָמען. מע האָט אים גערופֿן פּתּי־די־פּלײצע. שווערער פֿון אַלע טעג האָט ער געאַרבעט פֿרײַטיק, ווען די באָד איז געווען פֿול מיט ייִדן לכּבֿוד שבת. ער פֿלעגט האַלטן אין איין גיסן שעפֿעלעך וואַסער אויף די שטיינער פֿון פּאַל (די ברעטער פֿון הייסטן צימער פֿון באָד), כּדי די היץ זאָל ווערן שטאַרקער. איך געדענק דעם פּתּי־די־פּלײצע מערסטנס אַ נאַקעטן, ווײַל חוץ שבת (אויך ווען ער פֿלעגט זיך אַרויסכאַפּן בעטלען) פֿלעגט ער געבן אַ פּלײצע די ייִדן, וואָס פֿלעגן זיך לייגן נאַקעטע אויף אַ לאַנגער ברעט. שטאַרקע ייִדן פֿלעגן אויסקלײַבן די העכסטע, די הייסטע ברעט. דער פּתּי פֿלעגט אַ טרייסל טאָן דעם בעזעם, און דער הייסער לופֿט, די ריטער פֿונעם בעזעם פֿלעגן זיך אָנצינדן מיט אַ ניט־געזעענעם פֿײַער. ער איז געווען אַ מאדים אין זײַן אַרבעט. מע האָט אים אויך גערופֿן שומר־פּתּאָים, ווײַל ער איז אַליין געווען אַזאַ גוטהאַרציקער נאַר. אויף אים האָט מען באמת געקענט זאָגן: „אַ נאַר פֿון באָד אַרויס".

## ווערטער, ווערטלעך און גראַמען

אין אונדזערע שטעטלעך: מיכאַלישעק, סוויר, סווענציאַן, פֿלעגט מען זאָגן איווער. „אויער" האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט אין וואַרשע אויפֿן וועג קיין אַמעריקע. (מיר האָבן אויך אַזוי פֿיל ניט פֿאַרשטאַנען דאָס וואַרשעווער ייִדישע לשון, אַז מיר האָבן באַדאַרפֿט האָבן אַן איבערזעצער.)

מײַן טאַטע פֿלעגט אָפֿט נוצן (ניט ניצן) דאָס וואָרט צנאָטע. אַזוי ווי ער איז געווען אַ שווערער אַרבעטער בײַ אײַז און בײַ קוילן (אין פּאַסייק, ניו־דזשוירזי), פֿלעגט ער אָפֿט זאָגן: „איך בין אַזוי פֿאַרמאַטערט (ניט מיד), אַז נאָר די צנאָטע גייט אין מיר". די צנאָטע מיינט דער אימפּעט, דער ווילן צו גיין, כאָטש קיין כּח איז ניט פֿאַראַנען.*

אין הויף פֿון מײַן טאַטנס שטוב איז געשטאַנען אַן אַלטער בוים. הינטערן בוים פֿלעגן זיצן דורך די לאַנגע זומער־אָונטן זײַנע פֿרײַנד פֿון חבֿרה־תּהילים און דערציילן זיך מעשׂיות וועגן דער וועלט און וועגן יענער וועלט, וועגן ייִדן גיבורים, וואָס מיט איין האַלאַבלע (שטאַנג פֿון אַ וואָגן) האָט יעדער צעהאַקט די קעפּ פֿון צען פּאָגראָמשטשיקעס; און מעשׂיות וועגן שדים, שרעטעלעך, לאַפּיטוטן. דער טאַטע פֿלעגט זאָגן, אַז דער בוים האָט אַליין זיך געשטעלט אין אַ ווינקל פֿון הויף, כּדי ניט צו שטערן די אײַז־ און קוילן־„געשעפֿטן", כּדי מע זאָל קענען אונטער זײַנע צווײַגן, דורך די מעשׂיות פֿון נסים־און־נפֿלאָות ברענגען זײַן שטעטעלע סוויר קיין פּאַסייק. אַז אַ ייִדענע פֿלעגט אַ מאָל וועלן זיך זעצן בײַם בוים, זיך צוהערן צו די װוּנדער־מעשׂיות פֿלעגן די ייִדן זאָגן: „גייך, די מעשׂיות זײַנען נאָר פֿאַר מאַנצבילן".

דורך די זומערדיקע טעג פֿלעגט מײַן מאַמע אָפֿט זאָגן: „ס'האָט זיך אויס־געקנאָספּט אַ שיינער טאָג" (פֿון קנאָספּ). אויסגעקנאָספּט און צנאָטע האָב איך קיין מאָל ניט געהערט אָדער געזען ערגעץ געדרוקט.

*[nervous energy?]

מײַן מאַמע פֿלעגט זאָגן: געוועלט (= געוואַלט), האָלט (= ליב), פֿאַרוויאַנעט (= פֿאַרוועלקט), אַנוסטן (= אַנומלט). זי פֿלעגט האָלט האָבן נוצן אַזוינע ווערטער ווי גרײַלעך (= זייער), יע (קיין מאָל ניט יאָ), אַ פּיאַניצע (= שיכּור), אָבער שיכּור ווי מעישקע זשוליק. מײַן טאַטע פֿלעגט נוצן פּתי (׳נאַר׳): „זי איז אַ פּתי, זי האָט אַ ברעט אין קאָפּ".

אין אונדזערע שטעטעלעך פֿלעגט מען זאָגן באָק (ניט צאָפּ); קאָט (ניט קאָטער); אַ פֿולע (זעלטן אַ סך): „ער האָט אַ פֿולע געלט"; פּאָזשאַר (׳שׂריפֿה׳), לאַטכענען (׳לקחענען׳). צו אַ קינד פֿלעגט מען זאָגן ניטע (זאָלסט עס ניט טאָן!), ער איז אַ פּראָסטער לונג־און־לעבער (אַ פּשוטער מענטש), ער איז אַ מרוק (אַ ניט־פֿרײַנדלעכער מענטש).

אויך אין אַמעריקע האָבן מײַנע טאַטע־מאַמע זיך באַנוצט מיט ווערטער וואָס זײַנען דאָ כּמעט נעלם געוואָרן. למשל: קאַטוך (פּלאַץ ווו מע האָט געהאַלטן הינער), קאַנאַפּע (׳סאָפֿע׳), קאַמאָד (אַזאַ שאַפֿע), פּאָמוניצע (׳כּלי פֿאַר שמוציק וואַסער׳), תּורת־לאָקשן (שפּעט־לשון).

אַ סך ווערטער האָבן מיר, קינדער, באַשאַפֿן בײַ אַלערליי שפּילן. למשל, אײדער מע פֿלעגט אָנהייבן וועלכע ניט איז שפּיל, פֿלעגן מיר אָפּריידן צווישן זיך, צי מע שפּילט מיט אָדער אָן קרוצעלסטווע. מיט קרוצעלסטווע האָט געמיינט, אַז מע קען יע אָפּנאַרן בײַם שפּילן. אויב מע האָט אָפּגערעדט אָן קרוצעלסטווע, און דאָס קינד האָט געפּרוּווט אָפּנאַרן, פֿלעגט ער אָפּט אַרײַנכאַפּן קלעפּ.

איך געדענק זייער גוט, ווי בײַם געזעגענען זיך פֿלעגט מײַן עלטסטער ברודער עלציק ווינטשן זײַן מיידל דווירקע (פֿון דבֿורה) אַ גוטע נאַכט אין גראַמען: „אַ גוטע נאַכט, / שלאָף באַוואַכט, / וועגן מיר טראַכט, / אַ גאַנצע נאַכט".

# ייִדיש לשון אין ווײַסרוסלאַנד

## (אַ קליינע זאַמלונג)

### פֿון מאיר הורוויץ

עזריאל פּרעסמאַן (1881—1951) פֿון מינסק, אַ בונדיסט־רעוואָלוציאָנער אין צאַרישן רוסלאַנד, איז אַנטלאָפֿן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין 1908. דאָ האָט ער זיך פֿאַרבונדן מיטן אַרבעטער־רינג ביזן סוף פֿון זײַן לעבן. אין 1950 האָבן אַ גרופּע פֿרײַנד אַרויסגעגעבן זײַן בוך זכרונות דער דורכגעגאַנגענער וועג מיט אַ הקדמה פֿון ד״ר מאַקס ווײַנרײַך. דאָס בוך האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פֿון ייִוואָ. אין פּרעסמאַנס אויטאָביאָגראַפֿיע זײַנען דאָ צענדליקער אינטערעסאַנטע ווערטער, וואָס עטלעכע ברענגען מיר דאָ ווײַטער. אין די פֿאַלן ווו פּרעסמאַן האָט דאָס וואָרט ניט דעפֿינירט, האָבן מיר עס געטאָן.

אויסגיסן וואַקס — איינס פֿון די באַבסקע רפֿואות (זען ציטאַט אונטער פֿאַררעדן).

אויספּראַניקן די גרעט — ׳אויסקלאַפּן די גרעט מיט אַ פּראַ(ל)ניק׳: „נאָך דעם